NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13125

VOS HOT ZEY GERATEVET

Valeryan Polishtshuk

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

וואַלעריאַן פּאָלישטשוק
בילדער און הילע פֿונ מ. האָלאָוואַטינסקי
יידיש — ל. קוויטקאָ.

וואָס האָט זיי געראַטעוועט

דוואו „מאָלאָדוי באָלשעוויק" 1933

ריכטיק זיכ ראטעווענ פונ א געפאר, איז גאָר־גאָר א גרויסע זאכ.—

יעגער געווינט,— ווער ס'איז דרייסט אונ געשווינד.

איז דער יעגער ארויס ווילד־הינער שיסנ,

איז די ווילד־הונ ארויס קערנער אונ זשוקלעכ געניסנ.

איז אויכ דאָס זשוקל ארויס זיכ זוכנ א ביסנ.



אונ דאָס זשוקל איז ניט קײַנ זשוקל גלאט,—א קריכער אינ גראָז, צי א פליג אפנ בלאט,—נײנ, דאָס איז געווענ א גרינער, א גרינגער, א פערדל א שפרינגער. פיגטעלעכ—לאנגע גראָזיקע, וואָנסנ—בריטע גראָזיקע. אלײנ א גרעזל די גרויס,—ווענ עס זעצט זיכ,—זעט מענ עס גאָרניט ארויס.

לעבנ זיי האָט זיכ געדרייט פּאַמעלעכנ, א מיק א פריילעכע, — כאָטש אויס־
זענ זעט זי אויס ווי א מיסטפּליג בייז, — אפילע נאָכ בייזער, פאַרשייַטער: יעדע־
רער ציטערט: „פלי זיכ דיר ווייַטער, אונ בייַס מיכ ניט, ביטע". אָבער סע קענ
גאָר ניט בייַסנ, אפּ בייַסנ עס טויג ניט, — נאָר פונ די בלימלעכ די זאפּטנ זיכ
זויג עס. עס קענ זי יעדער א כאפּ טאָנ, צעשמיצנ, — זי קענ ניט מיט גאָרניט
אלײנ זיכ באַשיצנ. נאָר אזא אויסזענ א בייזנ פאַרמאָגט זי, אונ מיט דעם אויס־
זענ די סאָנים פאַריאָגט זי.

איז דער יעגער גאָרניט קײַן נאר.
זײנ זאכ פארשטײט ער, א זיכערער
גײט ער אינ האנט א ביקס, אפנ
פלײצע א טאש, פונ שטריק א גע־
שטריקטס. זײַנ אויער דערהערט אלצ
וואָס ער דארפ, דאָס אויג זײַנס איז
שארפ, דערזעט אלצ וואָס געשעט.

ברוינלעך איז די ווילד־הון, געהיט פאר געפארן, — אירע פעדערס שטעקן ווי דערנער די דארע, זי זעט אויס אליין ווי א קליין שטיקל שטיין. צווישן די אויגן שטעקט עפעס דעם, — א קרומס ווי א קנאָבעלע, — מע רופט עס שנאָבעלע.



האָט ס׳פערדל די וואָנסעס אפ פלייצע פארלייגט, די אונטערשטע פיסלעכ צו זיכ ער פארבייגט, מיט זיי, מיט די-פיסלעכ, אינ ערד א שטויס! — אונ איבערגעפלויגנ א קוסט אונ א שטרויס. אונ שיר אפ דער ווילד-האָנ געטראָפנ. א שפרונג אונ געשטעלט זיכ, פונקט ווי א גרעזל, שטייט עס פארשלאָפנ. די פיסלעכ ארופ, די וואָנסנ אראָפ, אינדערערד מיטנ קאָפ. אפילע דער ווינט, ווי א גרעזעלע וויגט-עס. שטייט עס א שטילס, קיינ פיפס קיינ צוויצוויקע. דאָס ווילד-הינדל קוקט אונ זעט עס ניט. — פונ גרינס אונ גראָז אונטערשיידט עס ניט.

קוימ זיכ געראטעוועט דאָס שפרינגערל פערד,— אזוי דערהערט די ווילד־הונ אליינ: שושעט גראָז בא דר'ערד, כראָמטשעט שטיינ. סע קוקט זיכ ארומ,— דאָס הארצ ווערט שטומ: סע שפאנט דער יעגער גלייַכ אפ איר אליינ. אינ האנט די ביקס איז גרייט, פול מיט שרעק די ווילד־הונ שטייט. זי האט ניט וויינ אנטלויפנ,— ארומ איז אָפנ פעלד צעשפרייט, שיטער גראָז אונ שטיינער הוילע. אָט־אָ וועט יעגער זי דערזעענ אינ גראָז, די ביקס אפנ ציל אונ א שאָס וועט א בליצ טאָנ רויט, אונ אלצ איז אויס,— טויט.



איז געבליבנ דעם הינדל א שוצ אײנײנציקער: די פארב פונ די פעדער־
לעכ זײַנענ ברוינ־רויט שטײנערדיק. זיצט זי, דעם אָטעם פאו׳זאפט, אונ טײלט
זיכ פונ שטײנ ניט ארויס, אלײנ ווי א שטײנדל זעט זי דאָרט אויס.
אונ דאָ שפאנט דער יעגער גלײַכ אפ איר. מיטנ שווערנ שטיוול אָט, שיר־שיר.



אין יענעם אויגנבליק איז דורכגעפלויגן די מיק. צום מענטשנס פּאָנעם צוגעפלויגן, בּייז, ווי זי וויל טאָן א פּיק, אָדער אריַין אין די אויגן. האָט זיך דער יעגער, אומגעקוקט צוריק אף א רעגע; — ווו איז זי יענע וואָס בּיַיסט? דערוויַיל באוויַיזט אין דער רעגע, די ווילד־הון קימאט פון אונטער די טריט דעם יעגערס, אוועקצוקריכן אין דערשטיל. און אים פאר די אויגן אף שטיינדלעך פיל, האָט זיך אזוי באזעצט, אז דערקענען וועט זי ניט קיינער, — א שטיין זעט זי אויס, צווישן די שטיינער.

אזוי געראטעוועט האָבן זיך אלע אָטאָדי!..
געלערנטע רופן אָט די פעיִקייט מימיקרי.

פּרייז 50 קאָפּ.

פאר קינדער ביז שול-עלט

קינסטלער — א. האלאמאסינסקי
רעדאַקטאָר — א. איהאַגענקאַ היוספּליט (937)1958 № קיִעוו, 6 דרוקעריי או. פּ. ט. ווהאַ. באשט. 719 № טיר. 1.700.
טעכרעדאַקטאָר — א. ראָזענבערג איבערגעגעבן צום אַז 33—23/4. אונטערגעשריבן צום דרוק 33—3/7. פאָרמאַט 116—1/4—110